בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת ויקרא | גליון קמ שנה ד



בהכוונת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א

## ווען טאטי רופט אונז צוריק אהיים.

פרשת ויקרא הייבט אן מיט דעם פסוק "ויקרא אל משה" - און ער האט גערופן צו משה, ס'שטייט נישט ווער ס'האט גערופן און מיר מוז'ן אליין פארשטיין אז דאס מיינט דער אייבישטער פון דעם וואס ס'שטייט שפעטער "וידבר ה' אליו" אז דער אייבישטער האט גערעדט צו אים, איז פארוואס האט די תורה נישט געשריבן בפירוש "ויקרא ה' אל משה"?

נאך דארף מען פארשטיין דעם עניין פון די קליינע "א" אנהייב ויקרא וואס דאס איז משמע די ווארט "ויקר" א לשון פון א מקרה - א צופאל וואס ס'איז פונקט פארקערט פון די ווארט "ויקרא" וואס ווייזט א לשון חיבה - ליבשאפט.

שפעטער איז ממשיך דער פסוק "אדם כי יקריב מכם קרבן לה' מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם", אסאך פון די מפרשים פרעגן אז דער לשון פונעם פסוק וואלט געדארפט שטיין "אדם מכם כי יקריב קרבן לה"" א מענטש פון אייך וואס וויל מקריב זיין א קרבן צום אייבישטער און נישט "אדם כי יקריב מכם" א מענטש וואס וועט מקריב זיין פון אייך א קרבן, וואס דאס איז משמע אויב מ'וויל מקריב זיין א מענטש פאר א קרבן.

*

אונז לעבן אין זייער א שיינע וועלט, זייט בריאת העולם איז די וועלט נאך קיינמאל נישט געווען אזוי שיין און אזוי באקוועם פאר דער מענטש אזוי ווי אין אונזערע דור, דער וועלט איז אלע מאל געווען שיין און גוט און געהאט אין זיך זייער אסאך גוט'ס אבער טויזנטע יאהרן האט דער מענטש נישט געהאט די וועג ארויס צו ברענגען די גוטסקייט פון די וועלט און הנאה האבן פון דעם, דער וועלט איז געווען צו גרויס און צו באהאלטן פאר דער מענטש.

אבער די לעצטע יאהרן האט זיך דאס געענדיגט, דער מענטש האט איינגענומען די וועלט, די וויסנשאפט די סייענס און די רפואה זענען פאר געלאפן מיט ריזיגע טריט, קראנקייטן וואס האבן טויזנטע יאהרן נישט געהאט א רפואה אין געווען אין א גרויסע סכנה זענען געווארן פשוט ווי א קינדער שפיל, וועלטן וואס מ'האט נישט געקענט צו קומען צו זיי זענען געווארן נאנט, און די גאנצע וועלט איז געווארן א קליינע גלאבאלישע דארף וואס יעדער איינער ווייסט פון יעדער און האט קאנטאקט מיט יעדער אין איין מינוט.

די טעכנאלאגיע האט געגעבן זייער א שטארקע שטופ צו די גרויסע חכמה פון דעם מענטש אן ס'איז געקומען א מצב אז דער מענטש מיט א קליינע כלי וואס ער האלט ביי זיך אין האנט דרייט איבער די גאנצע וועלט.

די מענטשן זענען אנגעקומען צו אזעלכע גרויסע השגות און שטארקייטן ביז זיי האבן שוין געגלייבט אז ס'איז נישטא גארנישט וואס קען זיי שטייען ביים וועג, אויף אלע "פראבלעמען" וואס דער "נאטור" מאכט האבן זיי שוין עצות און זיי קענען זיך מתגבר זיין אויף יעדע שוועריגקייט און אויף יעדע קראנקייט.

אבער יעצט איז אנגעקומען דער קורונה און צופלאצט דעם גרויסן באלאן, און אונז געלאזט מיט א אפענע מויל אן קיין שום עצה, און קיינער ווייסט נישט וואס צו טוהן, אלע גרויסע חכמים און חרטומים זענען געווארן פארלוירן אין זייער גאנצע זיכערהייט האט זיך אויסגעבלאזן.

ס'דערשרעקט זייער, די גאנצע וועלט שטייט דערשראקן און ווייסט נישט וואס צו טוהן, די גאנצע פעסטקייט פון די וועלט האט זיך צושאקלט.

דאס איז אבער ריכטיג נאר פאר אונזער גוף, אבער פאר אונזערע נשמה איז דאס גראדע נישט שלעכט, ווען דער מענטש וועקט זיך אויף און פארשטייט אז מיר זענען דא נישט די בעלי בתים ס'איז דא דא איין גרויסער בעל הבית וואס פירט די געשעפט, קען ער נאך ארויס גיין מיט רווחים פון די גאנצע מעשה.

אבער פארוואס האט עס דער אייבישטער געמאכט? פארוואס פונקט יעצט ערב פסח? וואס וועט זיין מיט די מנינים? מיט די ישיבת בין הזמנים? מיט די חבורות פון די מצות? און ווי אזוי וועט מען ריין מאכן אויף פסח מיט די קינדער אין דערהיים?



## דבר העורך

מיר הייבן אן די וואך די פרשיות פון די קרבנות, די פרשיות וואס לערנען אונז אויס ווי אזוי מ'נעמט א בהמה וואס איז כולו גשמיות און מ'מאכט פון דעם "אשה ריח ניחוח לה'" – א נחת רוח פאר'ן אייבישטער, און די תורה איז אונז מגלה אז מ'דארף נישט אזוי שווער ארבעטן פאר דעם מ'דארף נאר זיין אויף געוועקט און טראכטן וואס מ'טוהט.

"לומר לך שאחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון את ליבו לשמים", ס'איז נישט אזוי שטארק א חילוק וועלכע בהמה די ברענגסט ווי גרויס דיין קרבן איז און וועלכע עבודה די טוהסט, וויכטיג איז ווי ליגט דיין קאפ ווען דו מאכסט דאס.

שטייט א כהן אין ביהמ"ק און קלאגט פארוואס מיז איך דא שניידן די שטיקער פלייש און אלע זיצן דארט אין עסן, איך ארבעט אזוי שווער און מיין ברודער פארברענגט אינדערויסן מיט די אנדערע כהנים, אזא כהן ארבעט טאקע פאר גארנישט, זיין עבודה איז פסול, פיגול הוא לא ירצה, ווייל ער האט נישט געהאט די ריכטיגע כוונה.

אבער אויב דער זעלבער כהן שטייט און מאכט די זעלבע עבודה, מיט איין חילוק זיין מחשבה האט ער אינזינען לשם שמים מיט אלע זעקס כוונות וואס מ'דארף האבן ביי א קרבן, האט ער געמאכט די גרעסטע עבודה וואס איז נאר שייך, ער האט געדינט אין ביהמ"ק, ער האט גענומען א שטיק בהמה, די גרעסטע גשמיות און געמאכט פון דעם א ריח ניחוח לה' די גרעסטע רוחניות.

ווען מיר שטייען אין די טעג פאר פסח מיט אלע קינדער אינדערהיים און מ'פארבירט אן צו קומען מיט זיי צוזאנען מצוס פסח, האבן מיר א מעגליכקייט צו טראכטן אוי ווי "מה העבודה הזאת"? וואס האב איך געזונדיגט איך מוז אזוי שווער ארבעטן, נאך דאס פעלט מיר יעצט אויס, און די ביסט פיל מיט טענות אויף דיין שווערע ארבעט, ביסטו גערעכט דו האסט טאקע שווער געארבעט פאר גארנישט.

אבער אויב דיין מחשבה ליגט און "חג ה' לנו", און דו מאכסט די זעלבע ארבעט, אבער מיט א מחשבה איך בין זוכה מיך צו גרייטן אויף פסח מיט די קינדער צוזאמען, איך העלף צו ארויס נעמען די חמץ און אריין ברענגען די שכינה ביי מיר אינדערהיים, אויב די ביסט פיל מיט שמחה אויף דיין זכות צו דינען השי"ת מיט וואס ער פארלאנגט יעצט אין שטוב, ביסטו גערעכט דו האסט טאקע געמאכט דא א עבודת ה' און שכרך הרבה מאוד.

ווייל אלעס ווענט זיך און "ובלבד שיכוון את ליבו לשמים".

**א גוטן שבת**

פונקט יעצט???

ווען מיר פרעגן א זעלכע שאלות, ליגט אינטער די ווערטער א פארשטאנד אז ס'איז דא זאכן וואס דער אייבטשער מאכט און פירט, און ס'איז דא זאכן וואס ער לאזט זיך פירן נארמאל פון זיך אליין מיט די נאטור, אבער דאס איז א גרויסע טעות, ווייל די מציאות איז אז יעדע זאך וואס ס'ווערט דא געמאכט איז דער אייבישטער, און אויב ער וועט נישט מאכן איינע פון די זאכן וועט עס פשוט נישט זיין, ס'איז נישטא א מציאות וואס געשעהט אן דער אייבישטער האט דאס געמאכט און האלט דאס אונטער, ווייל אויב נישט עגזיסטירט עס נישט פון די ערשטע מינוט.

דאס הייסט אז יעדע זאך וואס ס'איז געשעהן און וואס ס'געשעהט אין די טעג, איז א פונקטליכע פלאן וואס בורא עולם האט צו געגרייט און אויסגעשטעלט פאר די נעקסטע טעג, א ספיציעלע פראגראם וואס פאסט פונקט פאר אונז און פונקט פאר די צייט.

מיר מוז'ן נאר פראבירן צו פארשטיין וואס.

אין די נארמאלע טאג טעגליכע לעבן איז א מענטש זייער באשעפטיגט ער האט א סדר פון אויף שטיין גיין אין מקוה, גיין דאווענען און לערנען און צום ארבעט און גיין איינקויפן, און מער ווייניגער האט יעדער איינער א אנגעפילטע טאג מיט זאכן וואס מ'האט צו טוהן, און בפרט די טעג האבן אונז איינע פון די באשעפטיגסטע צייטן אין יאהר, ס'איז ערב פסח יעדער איינער לויפט און קומט מ'קויפט און מ'רייניגט, מ'איז באשעפטיגט מיט די שטוב און מיט די ארבעט, מיט די חמץ און מיט די מצות.

און פלוצלינג כמעט פון מינוט צו מינוט האט זיך אלעס געגעבן א שטעל אפ, די וועלט האט זיך אפ געשטעלט פון זיין לויפעריי, ס'איז נישטא ווי צו לויפן ס'איז נישטא וואס צו ערלעדיגן, נישט קיין ביזנעס און נישט קיין שאפינג, נישט קיין שמחות און נישט קיין מנינים, נישט פאר'ן און נישט פליהען, די וועלט האט זיך אפ געשטעלט.

אלעס וואס מ'איז צו געוואוינט טאג טעגליך איז מער נישט דא, דער גאנצע סדר איז בטל ומבוטל כעפרא דארעא, אלע התחייבות'ן אלעס וואס מ'מוז און מ'דארף האט זיך געענדיגט.

מ'מוז גארנישט, מ'דארף גארנישט, אלע מֵיצָרִים - אלע גרעניצן זענען בטל ומבוטל, זייט רוהיג און באפריי דיך פון אלעס - זאגט אונז דער אייבישטער - א ריכטיגע יציאת מצרים, באפרייט פון אלע אייגענע מיצרים און חיובים וואס מיר האבן די גאנצע צייט.

מיר האבן זיך שוין אזוי שטארק צו געוואוינט צו די אלע פעולות וואס מיר מאכן יעדן טאג, מיר זענען אזוי באשעפטיגט מיט די מאכן, און מיט די גרויסע פרעשע וואס מיר מוז'ן אניאגן די גאנצע צייט, אז מיר מיינען שוין אסאך מאל אז "דאס איז די לעבן" די פעולות איז די עיקר און די תכלית פון אונזער לעבן, מיר פארגעסן ווער זענען אונז טאקע, מיר פארגעסן וואס איז די ריכטיגע לעבן, מיר זענען באשעפטיגט נאר מיט טוהן.

און דאס איז נישט נאר במילי דעלמא, וואס מיר זענען אזוי צו געוואוינט, די זעלבע געוואוינהייט האבן מיר באקומען אויך ביי תורה און מצוות, מיר זענען שוין אזוי צו געוואוינט אז מ'מוז קומען הערן די נייעס מיט די קאווע און מקוה אין בית מדרש און שפעטער אריבער פירן א שחרית (האפענטליך אז ס'וועט זיין א יאהר צייט) און ווייטער לויפן צו די נעקסע סטעפ און אזוי לויפט מען פון איינס צום אנדערן, אן צו טראכטן און אן צו געדענקען וואס געשעהט מיט אונז.

אזוי גייט די לעבן - האבן מיר ליב צו זאגן.

אזוי ווי די באקאנע מעשה פון דער יונגערמאן וואס האט נישט קיין צייט צו טראכטן פונעם אייבישטער ווייל א גאנצן טאג איז ער אין כולל און ער לערנט.

איז יעצט זעהט מען אז ניין, נישט דאס איז די לעבן.

דער ווירוס איז געקומען און אונז אפ געשטעלט פון אונזער לויפעריי, ער האט אונז געהאלפן צו צוברעכן אונזערע מיצרים און אונזערע הרגלים, און אוועק געזעצט יעדן איינעם אליין זאל אנהייבן צו טראכטן פון אנהייב - יעצט ווען איך זיץ מיט מיר אליין באפרייט פון אלע חשבונות פון "מה יאמרו" און אן די חשבונות פון "למה יאמרו" קען איך מיך ענדליך טרעפן מיט מיר אליין און אריין טראכטן ווער בין איך, אן צו קוקן אין אלע זייטן וואס זאגט דער און וואס טראכט יענער און לויט דעם זיך איינרעדן ווער דו ביסט, יעצט איז די ריכטיגע אמת'דיגע מינוט, צו טרעפן די ריכטיגע יידישע פינטעלע וואס איז באהאלטן אין מיר.

"אדם כי יקריב מכם קרבן לה'" - זאגט אונז דער אייבישטער - איך זיך די "מכם" די אינעווייניג, די פנמיות פון אייער הארץ, דארט וויל איך א קרבן - א התקרבות צו מיר, איך זיך נישט די בהמות - די פעולות אליין אן אריין צו טראכטן, בהמות האב איך אליין גענוג און נאך, אבער איך זיך דעם הארץ די יידישע הארץ.

שטייט אין ספה"ק אז צווישן פורים און פסח רייניגט מען יעדער יוד א דרייסיג'ס טייל (1/30) פון זיין נפש כדי ער זאל אנקומען צום סדר נאכט ריין און געהייליגט, און דא האט אונז דער אייבישטער געהאלפן און צוגעשטעלט א געלעגנהייט ארויס צו גיין פון די אייגענע מצרים וואס מיר זענען אין דעם געפאנגען, און ארויס גיין מעבדות לחירות יעדער איינער אין זיין נפש אינעווייניג.

אויך ביי יציאת מצרים איז געווען אסאך מענטשן וואס "לא שמעו אל משה מקוצר רוח" מ'איז געווען פאריאגט און נישט געהאט צייט זיך אפ צו שטעלן און צו הערן אז די גאולה איז דא, ביז דער אייבישטער האט געשיקט פרעה זאל זיי ארויס ווארפן פון מצרים, ווען נישט וואלטן זיי נאך געשטאנען און געווארט ביז יעצט.

און יעצט "כימי צאתך מארץ מצרים הראנו נפלאות" האט אונז דער אייבישטער אויך געצווינגען אריין צו גיין און שטוב, זיך אוועק זעצן מיט אונז אליין און קענען אריין טראכטן, ס'איז נישטא ווי זיך צו יאגן, ס'איז נישטא ווי צו אנטלויפן, זיץ מיט דיך, טרעף זיך מיט דיר אליין, וועק דיך אויף, און גיי ארויס פון דיין גלות הנפש.

דאס איז די געלעגנהייט וואס דער אייבישטער האט אונז צו געשטעלט דווקא אין די טעג פון ערב פסח, ארויס צו גיין פון אונזערע גלות און דורך דעם זיך צו צוגרייטן צו די גאולה השלמה בב"א.

דאס איז פשט אין פסוק "ויקרא אל משה" ס'שטייט "ויקר" ס'זעהט אויס א מקרה - א צופאל, ס'איז געשעהן מ'האט נישט אויף געפאסט און ס'איז געווארן א מגיפה, און פארוואס פונקט יעצט און וואס זענען די נארישע געזעצן פונקט יעצט ערב פסח, זאגט אונז דער אייבישטער דו מיינסט טאקע אז דאס איז "ויקר" א מקרה, דו מיינסט אז ס'איז "ויקר" מיט א קאלטקייט און א דערוואטערקייט, אבער זאלסטו וויסן אז ניין דאס איז א "ויקרא" לשון חיבה, דאס איז א קריאה פון ליבשאפט, איך רוף דיר צו מיר ווייל איך האב דיר ליב און איך וויל דיר באפרייען מעבדות לחירות, וועק דיך אויף און קום, איך ווארט פאר דיר.

און נישט נאר דאס איז א "ויקרא" - זאגט אונז רש"י הק' נאר לכל אמירות קדמה קריאה לשון חיבה, אלעס וואס געשעהט דא ארום דיר, נישט נאר דער וירוס און נישט נאר די שוועריגקייטן אויך די "נארמאלע" זאכן אויך די הכנות צום פסח זענען דיבורים וואס איך רעדט צו דיר, וועק דיך נאר אויף און הער צו.

פאר די גאולה השלמה שטעלט אונז צו דער אייבישטער א געלעגנהייט זיך צו צוגרייטן און זיך צו דערנענטערן צו אמת מיט די גאנצע הארץ.

ריכטיג ס'איז א דערשראקענע מצב, אבער יעדע געלעגנהייט וואס א מענטש האט אין זיין לעבן קומט אויך מיט פחד אויב ס'וועט געלונגען אדער נישט, אבער נאר אויב מ'נוצט אויס די געלעגנהייט און מ'כאפט זיך און מ'פארשטייט וואס צו טוהן קען מען מצליח זיין און זיך ארויס נעמען פון גלות און דורך דעם צו ברענגען די גאולה השלמה במהרה בימינו אמן.

# שאלות ותשובות

**שאלה:** א קורצע שאלה וואס פרעגט זיך איבער נאך און נאך אויף פארשידענע סארט לשונות: וואס טוהט מען יעצט? וואס מאכט מען? איך האב נישט וואס צו טוהן!

(ריכטיג אז מיר האלטן אינמיטן א תשובה אויף חברים, אבער יעצט יגע טעג האט מען נישט פראבלעמען מיט אהבת חברים, נאר פארקערט מיט זיין אליין אן חברים וועט יענע תשובה ווארטן אויף נארמאלערע טעג)

## תשובה:

דאס איז די שאלה וואס יעדער איינער פרעגט זיך א גאנצן טאג און יעדן טאג אין די צייט, וואס טוהט מען מיט די קינדער? ווי אזוי לעבט מען איבער די צייט און מ'בלייבט נארמאל? די גאנצע משפחה זיצט פארמאכט אין איין הויז יעדער איינער איז אין א אנדערע עלטער מיט אנדערע הבנות און רצונות און אלע צוזאמען מוז'ן זיך צוזאמען א עצה געבן אין איין קליינע הויז, און ס'איז נאך ערב פסח, ווי אזוי מאכט מען דאס?

איז ערשטנס דאס איז טאקע א שווערע דזאב און א ריכטיגע טשעלנדש פאר יעדער איינער פון אונז, און די מטרה אונזערע דארף זיין בעיקר דאס אריבער צו גיין מיט וואס ווייניגער נזקים פאר דעם נפש, און אויב מ'וועט קענען אויך עפעס פארדינען.

כדי מיר זאלן דאס קענען איבער לעבן האבן מיר צוזאם גענומען אפאר וויכטיגע אינווייזן און געדאנקען ווי אזוי צו ברענגען א מצב וואס די קינדער ווערן נישט משוגע פון ליידיג גייען און יעדער איינער האט זיך אויך זיינע שיינע צייט. (ווי ווייט ס'איז מעגליך)

א. נעם אן, דו בלייבסט דא! איינע פון די זאכן וואס צושטערן די רוהיגקייט פון שטוב איז ווען די עלטערן זענען נישט רוהיג, און דער עיקר זאך וואס צושטערט די רוהיגקייט פון די עלטערן איז די מלחמה מיט די מציאות, די מחשבה איך וואלט יעצט געדארפט טוהן / ערלעדיגן / רייניגן / ארבעטן, די מחשבה וועקט אויף א אומרוהיגקייט אין די עלטערן וואס טרעפן זיך אויף די פאלשע פלאץ, און ברענגט צו אומגעדולדיגקייט צו די קינדער, איז די ערשטע זאך לאמיר אראפ נעמען פראפיל און פארשטיין אז מ'גייט נישט אין ערגעץ און "פה אשב", דער אייבישטער האט דיר אריין געשיקט אין האלידעי' ער וויל נישט דו זאלסט זיך יעצט אנשטרענגען, ער וויל נישט זאלסט ארום לויפן און אויך נישט רייניגן די שטוב, איז רילעקס דיך, בארוהיג דיך און פארשטיי אז דאס איז יעצט דיין תפקיד פונעם אייבישטער.

ב. נעם אן, אז דאס זענען דיינע קינדער! איינע פון די זאכן וואס מאכן נערוועיז די עלטערן איז די קינדער וואס ווערן צולאזט, קריגן זיך, דרייען איבער, און רעדן אלע נארישקייטן מיט אזא ערנסטקייט, זאכן וואס לויט אונזער שכל מאכט עס נישט קיין זין און דאס איז נישט נארמאל, איך שפיר אז איך מוז זיי פארעכטן און אוועק שטעלן אויפ'ן פלאץ אויב נישט ווער ווייסט וועלכע קינדער וועלן דא אויס וואקסן, איז נעם אן אז דאס זענען דיינע קינדער און אזוי זעהן אויס קינדער, און אויב ביז היינט האסטו דאס נישט געזעהן ווייל זיי האבן דאס געמאכט אין חיידער, האסטו יעצט די געלעגנהייט דאס צו זעהן, יא ריכטיג, קינדער קריגן זיך ס'איז בסדר ס'איז נארמאל און ס'איז געזונט, און די זעלבע איז אויך ווען זיי דרייען איבער די שפיל און וויסן נישט ווי אזוי ס'איז געשעהן און אזוי נאך אלע אנדער זאכן, ווארט נישט זיי זאלן זיין אזוי ווי דיר וועסטו זיך שפירן אסאך רוהיגער און מיט כוחות זיי צו עקסעפטן און הנאה האבן מיט זיי.

ג. זייט מנהיגים: איינע פון די זאכן וואס מענטשן האבן ליב אין די צייט איז צו אנטלויפן צו די באקוועמע ווינקל און נישט טוהן גארנישט, לאזן די שטוב זיך פירן פון זיך אליין און אויב ס'גייט נישט אדער די קינדער קומען מוטשען אז זיי האבן נישט וואס צו טוהן און זיי זענען הונגעריג און דער האט אזוי געמאכט, און פארוואס מעג ער און איך נישט א.א.וו. דעמאלס האב איך נישט א ברירה און איך מיש מיך אריין און פראביר זיי שטיל צו מאכן ביז די נעקסטע מאל.

איז אנשטאט צו זיין נאך געשלעפט פון די קינדער, נעמט די הנהגה אין די הענט און שטעלט אויף א מהלך, וואס איהר ווייסט וואס איהר ווילט און וואס מ'טוהט און נישט ווארטן אויף די שאלה פון די קינדער "וואס טוהט מען יעצט?" וכדומה.

די ערשטע טאג צוויי וועט עס נעמען אביסל כוחות, אבער נאך ווען דאס וועט ווערן אריין געבויעט אין דעם סדר וועט איהר האבן אסאך מער אייגענע רוהיגע צייטן.

איינע פון די חלקים אין נעמען די הנהגה איז אויך זיצן און א דורך שמועס'ן מיט די קינדער דעם מצב, נישט זיך פארלאזן אויף דעם וואס די קינדער האבן שוין געהערט איינער פון צווייטן און פארשטאנען פון זיך אליין וואס איז דאס א ווירוס און וואס הייסט קורונה, נאר ערקלערן פאר די קינדער וואס דאס מיינט וואס זענען די סכנות פון דעם, און אויך וואס זענען נאר דמיונות און פחדים וואס מ'האט צו געלייגט צו דעם.

ערקלערן פאר די קינדער אז דאס איז די מצב און מיר גייען דא צוזאמען זיצן אין דערהיים און ס'וועט ווערן אויסגעשטעלט א פלאן און דער עולם זאל זיך צושטעלן לטובת כולם.

ד. סדר: איינע פון די וויכטיגע זאכן וואס העלפן פאר א קינד (און אויך פאר די עלטערן) צו בלייבן מיושב איז דער סדר היום, דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט מיט זייער א פונקטליכע סדר און דער נפש פונעם מענטש דארף האבן סדר זיך צו שפירן גוט און רוהיג, וועגן דעם איז זייער וויכטיג מיר זאלן האלטן א סדר היום אין שטוב, דאס הייסט א שעה ווען מ'שטייט אויף (נישט קיין חילוק פרי אדער שפעט אבער זאל זיין א צייט) און א צייט וואס מ'דאווענט שחרית מנחה און מעריב, און יעדער שטייט אויף אין די צייט וואס מ'האט מחליט געווען נישט שפעטער און אלע דאווענען צוזאמען אין די באשטימטע צייט, מיר האבן דא די געלעגנהייט צו געבן פאר יעדער איינער פון די קינדער צו זיין דער שליח ציבור (מ'קען ארויס נעמען די אלטע קאפעליטש פון דער טאטע פאר דער חזן) און מיר דאווענען צוזאמען אזוי ווי אין שוהל.

אזוי אויך די צייטן פון די עסן זאל זיין און א באשטימטע צייט, די גאנצע משפחה זיצט צוזאמען אין די באשטימטע צייט צו עסן, און צייטן וואס דער רעסטאראנט איז געשלאסן און ס'איז נישטא עסן, צווישן קען מען מאכן צייטן פאר לערנען און פאר שפילן, און אויך א צייט וואס מ'גייט ארויס א קארצע שפאציר צו אטעמען פרישע לופט.

כדי צו היטן אויף א הויכע מוראל איז גוט אריין צו לייגן א צייט צו טאנצען מ'לייגט אריין א פריילינכע מוזיק און מ'טאנצט צו זאמען, צייט פאר עקסערסייז פאר ווער ס'איז מסוגל, וכדו'.

געדענקט אז די מטרה פון די צייטן איז בעיקר צו האלטן די נארמאלקייט פונעם שטוב, וממילא מעג דאס נישט ווערן א סיבה צו מלחמות כל זמן דאס בויעט אויף א פרעים פאר די משפחה.

ה. ווינקלעך: יעדער קינד און אויך די עלטערן האבן זיך די אייגענע צייט וואס זיי דארפן, איינער האט ליב צו ליינען דער צווייטער צו הערן א מעשה און דער דריטער צו מאלן, מאכט'ס אין שטוב ווינקלעך פאר יעדע זאך, א ווינקעל אין דיינינג רום אדער אין א צימער וואס דארט איז דער בית מדרש, און אין די באשטימטע צייט קומען אלע דארט צוזאם דאווענען, א אנדערע ווינקל אין א צימער וואס דארט קען מען צו הערן מוזיק, און א ווינקל וואס דארט רעדט מען אויפ'ן טעלעפאן, דער בית מדרש איז אויף צו צוהערן די שיעורים אויפ'ן פאון וואס די רעבעס אין חיידער לערנען פאר א.א.וו. מ'קען יעצט ריקן בעטן און אויסשטעלן אביסל אנדערש די קינדער צימער זאל זיין פלאץ פאר נאך א ווינקל, דאס איז נישט א נארמאלע צייט און מ'מעג טוישן זאכן אינדערהיים פאר די תקופה.

די געדאנק איז יעדער זאל זיך קענען טרעפן זיינע אייגענע באליבטע זאכן צו טוהן אן צו ווערן צושטערט פון אנדערע.

ו. האום סקולינג: איינע פון די שיינע זאכן וואס מיר קענען איינפירן אין דעם סדר היום איז די לערנען צייטן, ס'איז ריכטיג אז די עלטערן דארפן לערנען מיט די קינדער אבער נישט נאר, נישט אלעס מוז פאלן אויף אונז, אויב מ'האט א ביסל עלטערע קינדער איז דאס זייער א שיינע זאך אז די גרויסע לערנען אויס די קליינע, דאס הייסט אז אין סדר היום איז אריין געשטעלט שיעורים וואס דער גרויסער ברודער אדער שווערסטער געבן פאר די אנדערע געשוויסטער, א עלטערע קינד וועט באקומען צו זיין דער רבי פאר הלכות פסח און אויס לערנען די מה נשתנה פאר די קליינע, דער אנדערער וועט אויס לערנען חומש, און די שוועסטער וועט אויס לערנען עפעס אנדערש וואס זי האט געלערנט אין סקול, יעדער איינער וועט באקומען א פערטל שעה (ס'איז גענוג) אויס צו לערנען די אנדערע פון די משפחה וואס ער קען, און יעדער וועט צו הערן דעם אנדערן אויך די עלטערע מעג'ן זיצן ביי די יונגערע.

כדי דאס זאל ריכטיג ארבעטן וועלן די עלטערן זיצן מיט די גרויסע קינדער, יעדע נאכט נאך ווען די קליינע זענען געגאנגען שלאפן, און מ'וועט צוזאמען מיט זיי אויפבויען א סדר היום אויף די נעקסטע טאג, דאס וועט ווערן שיין אויף געשריבן און אויף געהאנגען אויף א פלאץ וואס יעדער איינער קען דאס זעהן און וויסן וואס ס'גייט געשעהן און דעם נעקסטן טאג.

ז.        פארשטייט זיך אז כדי דאס זאל מצליח זיין מוז'ן אונז צו שטעלן די סחורה, דאס הייסט פון איין זייט געבן די שטארקייט און שטאלצקייט פאר די קינדער צו אויס לערנען און צו פירן די קלענערע, צושטעלן פאר די קינדער בלעטער און אלעס וואס מ'דארף כדי צו באשעפטיגן די אנדערע און זיך אליין, און נאך ווען דאס איז אוועק געשטעלט וועט זיך דער שטיב פירן ווייטער מיט א נארמאלע סדר היום לטובת כל הצדדים.

מיר האבן איינגעזאמעלט פון פארשידענע בלעטער און פון פארשידענע פלעצער, וואס קענען העלפן צו באשעפטיגן די קינדער ווער ס'איז אינטערעסירט זאל שיקן א אימעיל און מיר וועלן אים דאס צו שטעלן, אזוי אויך ווער ס'האט נאך געדאנקען און נאך בלעטער זאל אריין שיקן כדי ארויס צו העלפן נאך אנדערע.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW